# החיים בהלכה

חיים של יהודי יום יומית בהלכה

מתוך שיעורים הנפלאים הלכה למעשה ע״י הרה״צ מורינו הרב שליט״א במסגרת ׳כולל יום ראשון׳ דחסידי פאפא פה מאנסי

במשנת כ״ק מרנן רבותינו הק׳ זי״ע ולהבחל״ח כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א


## פרשת אחרי קדושים-אמור הלכות ברכות - פירות וירקות

## דיני פירות ומי פירות

### ברכות הפירות חי ומבושל

עס זענען פאראן פירות און ירקות וואס די סדר איז עס צו עסן דווקא ווען עס איז רוי, און עס פאראן וואס עס איז די סדר צו עסן ווען עס איז געקאכט. און עס איז פאראן אזעלכע וואס מען עסט סיי רוי און סיי געקאכט.

פירות וואס די סדר איז עס צו עסן רוי, אויב מען וועט דאס קאכן דארף מען מאכן אויף דעם א שהכל, און פארקערט זאכן וואס די סדר איז צו עסן געקאכט און עס איז נישט גוט רוי [דאס איז מער שכיח ביי ירקות וואס מען לייגט אריין אין די זופ וכדו׳] איז די ברכה ווען עס איז רוי א שהכל, און נאר ווען עס איז געקאכט מאכט מען די ריכטיגע ברכה.

א זאך וואס איז גוט סיי רוי און סיי געקאכט מאכט מען אייביג די געוועגליכע ברכה.

אין שו״ע ווערט געברענגט אז לפת וואס דאס מיינט אזוי ווי מייערן וכדומה איז די סדר אז מען עסט עס נאר געקאכט און ווען מען עסט עס רוי דארף מאכן א שהכל[א]. און אזוי אויך שטייט אז רויע קרויט איז א שהכל, וויבאלד די סדר איז עס נישט צו עסן רוי[ב].

**א.** בשו״ע (סי׳ רה ס״ה): ״הלפת כשהוא חי מברך עליו שהכל ואם הוא מבושל או כבוש בחומץ או בחרדל בורא פרי האדמה״.

**ב.** שו״ע שם (ס״א): ״...אבל קרא וסילקא וכרוב וכיוצא בהם שטובים מבושלים יותר מחיים, כשהם חיים מברך עליהם שהכל ולאחר בישולם בורא פרי האדמה״.

## פרפראות וסיפורים

### גודל הנחיצות ללמוד הלכות ברכות

עס איז פאראן זייער א שיינע ספר **ברכת הבית** אויף הלכות ברכות פון **הגאון ר׳ אברהם חיים איינהארן זצ״ל דומ״ץ סיגעט**, ער איז זייער מאריך דארט אין די הקדמה, איבער די הארבקייט פון דעם וואס מענטשן מאכן ברכות אין די וועלט אריין וועלכע ברכה עס לאזט זיך... און וויסן וועלכע ברכה מען דארף מאכן.

ער טייטשט דארטן דאס וואס עס שטייט אין די גמרא (ברכות לה.) כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאילו נהנה מקדשי שמים וכו׳, און נאכדעם זאגט די גמרא נאך א מימרא, כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאילו גוזל להקדוש ברוך הוא וכנסת ישראל, שנאמר גוזל אביו ואמו ואומר אין פשע חבר הוא לאיש משחית, און די גמרא איז מסביר חבר היא לאיש משחית מיינט צו זאגן אז ער איז חבר מיט ירבעם בן נבט וואס איז געווען א חוטא ומחטיא, ווייל מיט דעם וואס איינער איז נישט נזהר מיט ברכות לערנען זיך אנדערע אפ פון דעם, דעריבער הייסט דאס א חוטא ומחטיא.

איז דער ברכת הבית מסביר די חילוק פון די צוויי מאמרי חז״ל, עס זענען פאראן מענטשן וואס זיי מאכן ליידער בכלל נישט קיין ברכות, אזא איינער איז טאקע נהנה מקדשי שמים און עס איז זייער הארב, און פון דעם רעדט

המשך בעמוד האחרון >>>

נכתב על ידי אחד מהשומעים

למעשה איז אבער די מציאות היינט אז עס איז א נארמאלע שטייגער צו עסן רויע מייערן און רויע קרויט, און דעריבער קען מען יא מאכן אויף דעם א בורא פרי האדמה.

אבער רויע פעטרישקע וכדומה וואס מען קען נישט עסן רוי, אויב איינער וועט דאס עסן רוי, וועט עס זיין א שהכל.

## מי פירות

אין די גמרא שטייט אז ווען מען קאכט ירקות מיט וואסער [מען מאכט א זופ] ווערט די ברכה פון די וואסער בורא פרי האדמה[ג] [זעה ווייטער מער באריכות וועגן אלע סארטן זופ].

פרעגן די ראשונים אז אין די גמרא שטייט אז אויף זאפט [דזשוס] פון פירות מאכט מען א שהכל[ד], לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז די חילוק צווישן מי פירות וואס מען מאכט א שהכל, און זופ פון ירקות וואס מען מאכט א בורא פרי האדמה.

עס איז דא אויף דעם צוויי עיקר תירוצים אין די ראשונים, א] דער רשב"א ענטפערט אז עס איז דא א חילוק, די גמרא רעדט פון מי סילקא, און דאס איז אזעלכע ירקות וואס איז געמאכט פאר דעם אז מען זאל מאכן פון דעם א זופ וכדומה, און דעריבער איז די זאפט פון דעם אויך א בורא פרי האדמה. אבער פרוכט איז נישט געמאכט צו מאכן פון דעם זאפט נאר עס איז געמאכט צו עסן געהעריג, דעריבער איז די ברכה אויף די זאפט א שהכל[ה].

ב] דער רא"ש ענפערט אן אנדערע תירוץ, אז עס איז א חילוק צווישן 'קאכן' און 'אויסקוועטשן'. ווען מען קאכט א זופ גייט אריין די גאנצע טעם אין די וואסער, מה שאין כן ווען מען קוועטשט אויס א פרי גייט נישט אריבער אזא שטארקע טעם, דעריבער מאכט מען נאר א שהכל[ו].

## מי פירות מבושלים

די נפקא מינה צווישן די טעמים וועט זיין, ווען מען "קאכט" א קאמפאט פון "פרוכט" וועלכע ברכה מען דארף מאכן ווען מען עסט די זאפט אליינס. לויט דער רשב"א דארף מען מאכן א שהכל כאטשיג וואס עס איז געקאכט, וויבאלד די פרוכט איז נישט געמאכט צו קאכן. אבער לויט דער רא"ש דארף מען מאכן בורא פרי העץ ווייל א זאך וואס איז געקאכט גייט יא אריבער א שטארקע טעם, און עס איז נישט קיין חילוק אויב עס איז פרוכט אדער ירקות.

[עס דארף אבער קלארגעשטעלט ווערן אז די גאנצע שאלה איז נאר ווען מען עסט די קאמפאט זאפט אליינס, אבער אויב מען עסט דאס אויך מיט מיט די פרוכט פונעם קאמפאט, איז זיכער אז עס איז א טפל אין עס ווערט גע'פטר'ט מיט די בורא פרי העץ וואס מען מאכט אויף די קאמפאט].

למעשה איז א ספק וועלכע ברכה מען מאכט אויף קאמפאט זאפט, דעריבער זאל מען מאכן שהכל אויף די זאפט [ווייל 'על כולם אמר אמר שהכל יצא', מיט שהכל איז מען זיכער יוצא].

און אפילו אויב עס שווימט ארום אין די זאפט אביסל קליינע איבערגעבליבענע שטיקלעך פון די פרוכט מאכט מען שהכל, וויבאלד עס איז א טפל צו די זאפט.

עס איז אבער וויכטיג צו וויסן אז וויבאלד די ברכה פון די זאפט איז א ספק, איז אויב מען האט שוין פארדעם געמאכט א בורא פרי העץ אויף עפעס אנדערש, קען מען נישט יעצט מאכן א שהכל אויף קאמפאט זאפט, וויבאלד על הצד די ברכה אויף קאמפאט זאפט איז בורא פרי העץ איז דאס שוין גע'פטר'ט געווארן מיט די פריערדיגע העץ, דעריבער זאל מען דעמאלטס מספק בכלל נישט מאכן קיין ברכה אויף די קאמפאט זאפט [וויבאלד 'ספק ברכות להקל'].[ז]

## מי ירקות שנסחטו

די זעלבע דין איז ווען מען מאכט דזשוס פון ירקות [אזוי ווי מייערן דזשוס וכדומה], לויט די רא"ש איז די ברכה שהכל וויבאלד עס איז נאר אויסגעקוועטשט און נישט געקאכט. אבער לויט דער רשב"א דארף דאס זיין א בורא פרי האדמה, ווייל לויט דער רשב"א מאכט מען ביי זאפט פון 'ירקות' א בורא פרי האדמה, וויבאלד ירקות איז געמאכט פאר די זאפט און אפילו עס איז נישט געקאכט.

און למעשה איז ביי דעם אויך די הלכה אז מען דארף מכח ספק מאכן א שהכל, אבער אין א פאל וואס מען האט שוין געמאכט פארדעם א ברכה בורא פרי האדמה אויף עפעס אנדערש קען מען נישט מאכן אויף דעם א ברכה שהכל מכח ספק אז אפשר איז דאס גע'פטר'ט געווארן מיט די בורא פרי האדמה וואס ער האט פריער געמאכט.

---

ג. בגמרא ברכות (לט.) "אמר רב פפא פשיטא לי מיא דסלקא כסלקא וכו', ומיא דכולהו שלקי ככולהו שלקי".

ד. שם (לח.): "ואמר מר בר רב אשי האי דיבשא דתמרי מברכין עלויה שהכל נהיה בדברו, מאי טעמא זיעה בעלמא הוא".

ה. ז"ל הרשב"א בחידושיו (שם): "...ולא דמי למיא דשלקי וכו', דהנהו כיון דרוב אכילתן הוא על ידי שליקה מי שליקתן כמותן, הא כל מידי דלית דרכיה למשלקיה ולא למסחטיה אלא למיכליה בעיניה, בהנהו לא אמרינן שיהו מימיהן כהן".

ו. ז"ל הרא"ש בענין מיא דשלקי (שם סי' יח): "ומברכינן עלייהו בורא פרי האדמה, אף על פי שאין בו כי אם המרק וטעם הירקות מברך עליהן כמו שמברך על הירקות עצמן. ולא דמי למי פירות דאמרינן לעיל דזיעה בעלמא הוא, לפי שמשקה אין לו טעם הפרי. ואפשר שאם בישל הפרי ונכנס טעם הפירות במים מברך עליהן בורא פרי העץ.

ז. מג"א סי' רב (סקכ"ד).

## מי פירות שנסחטו

פרוכט דזשוס אזוי ווי עפל דזשוס און אראנדזש דזשוס איז בפשטות לכולי עלמא א שהכל, וויבאלד עס געמאכט פון 'פרוכט' און אזוי אויך איז דאס 'געקוועטשט' און נישט געקאכט.

למעשה זענען געווען פוסקים וואס האבן געהאלטן אז אראנדזש דזשוס איז יא א שאלה, וויבאלד די מציאות היינט איז אז מען פלאנצט איין ספעציעל אראנדזשעס כדי צו מאכן דזשוס פון דעם, און דעריבער וואלט מען לכאורה לויט די רשב"א געדארפט מאכן א בורא פרי העץ, וויבאלד די רשב"א איז מסביר די טעם פארוואס אויף ירקות מאכט מען בורא פרי האדמה איז וויבאלד עס איז געמאכט פארדעם, און די אראנדזעס זענען אויך איינגעפלאנצט ספעציעל פארדעם[ח].

למעשה מאכט מען מכח ספק אויך אויף אראנדזש דזשוס א שהכל[ט], אבער אויב מען האט פארדעם געמאכט א העץ אויף עפעס אנדערש, קען מען נישט שפעטער מאכן א שהכל אויף די אראנדזש דזשוס מכח ספק אז אפשר איז שוין די אראנדזש דזשוס גע'פטר'ט געווארן מיט די ברכת בורא פרי העץ[י].

ח. כן היה הוראת הגרא"ח שפיצער ז"ל, ובאמת יש עוד סיבה בפוסקים לברך על אראנדזש דזשוס בפרה"ע כיון שכל גוף הפרי יוצא בסחיטה כמו שכ' החזו"א (סי' לג סק"ה). ע"כ בדיעבד אם בירך בורא פרי העץ יצא.

ט. לפי דלשי' הרא"ש הנ"ל הוי ברכתן שהכל לפי שיצא ע"י סחיטה ולא ע"י בישול, ועוד יש להוסיף לפי המרדכי דכל שעומד לשתיה מברך שהכל, ונדפס בקובצים תשובה ערוך מכ"ק בעל ברך משה מסאטמאר זצ"ל שמברר שברכתו הוא שהכל.

י. וכנ"ל הערה ז' מדברי המג"א, אמנם יש שמצדדים לומר כיון שדרך העולם לברך על דזשוס שהכל א"כ אף אם בירך בפה"ע קודם הוי כאילו שיש היפך כוונה, עיין ספר הליכות יצחק ברכות סי' כא אות א שכן פסק הגרשז"א זצ"ל.

# ברכות על מרק

## הקדמה

מיר וועלן דורכגיין די הלכות פון פארשידענע סארטן זופ.

ווי פריער דערמאנט שטייט אין די גמרא אז ירקות וואס מען קאכט מיט וואסער און מען מאכט א זופ, דארף מען מאכן אויף די זופ א בורא פרי האדמה, אפילו מען עסט נאר די וואסער אליינס אן די גרינצייג[יא], [אין ווי פריער ערוועגט איז דאס נישט בײ פרוכט][יב].

דער מגן אברהם ברענגט פון די ראשונים א מחלוקת ווען זופ ווערט א בופה"א, א] לויט דער רא"ש איז דאס דווקא ווייל מען קאכט די זופ צוליב די ירקות, דעמאלטס ווערט די וואסער אליינס אויך א בורא פרי האדמה. אבער א זאך וואס מען קאכט נישט צוליב די ירקות, נאר מען ווארפט אוועק די ירקות נאכן קאכן, ווערט נישט די וואסער א בורא פרי האדמה[יג].

ב] דער רמב"ם האלט א פארקערטע סברא, אז די עיקר איז אז מען דארף אינזין האבן אויף צו קאכן די וואסער פונעם זופ, און דאן ווערט דאס א בורא פרי האדמה, אבער ווען מען וויל קאכן 'נאר' די ירקות און מען דארף נישט די וואסער נאר מען פלאנט עס אוועק צו ווארפן באקומט די וואסער נישט קיין חשיבות, און מען מאכט

יא. ראה לעיל הערה ג', וכך נפסק בשו"ע (שם ס"ד): "על המים שבישלו בהם ירקות מברך הברכה עצמה שמברך על הירקות עצמן אף על פי שאין בהם אלא טעם הירק".

יב. ראה מגן אברהם (סי' רה סק"ד).

יג. זה לשון הרא"ש (בתשובות כלל א סי' טו, הובא שם במג"א): "מיא דסלקי כסלקי, כיון דעיקר בישולם בשביל הירקות הלכך כיון שנתנו הירקות טעם בהן הולכים אחר הטעם".

נישט קיין בורא פרי האדמה[יד].

[דער מגן אברהם ברענגט נאך א תנאי פון דער מרדכי אז דארף ווערן געגעסן אזוי ווי מען עסט א מאכל נישט ווי א געטראנק, אבער אויב מען טרינקט מאכט מען א שהכל[טו]].

## וועטשטעב"ל זופ

ביי אונזערע וועדזשטעב"ל זופ איז פארהאן אלע תנאים צו מאכן בורא פרי האדמה, וויבאלד מען עסט סיי די ירקות און סיי די וואסער. און דעריבער איז די הלכה אז אפילו מען וועט עסן עקסטער די וואסער און עקסטער די וועטשטעבעל"ס, דארף מען מאכן אויף די וואסער אליינס א בורא פרי האדמה.

עס קען אויסקומען לויט דעם אן אינטערעסאנטע היכי תמצא - וויבאלד די דין איז אז ווען מען צומאלט ירקות ווערט די ירקות א שהכל, אבער די וואסער פון זופ איז, דאך א בורא פרי האדמה. דעריבער קען זיין אז איינער קאכט א זופ מיט וועטשטעבעל"ס און דערנאך בלענד"ט מען עקסטער די וועטשטעבל"ס, וועט די וועטשטעבעל"ס זיין א שהכל און די וואסער וועט זיין א בורא פרי האדמה.

אבער אויב מען בלענדט די ירקות צוזאמען מיט די וואסער, צב"ש מען מאכט א סקוואו"ש זופ און מען צומאלט די סקוואו"ש, דארף מען נאר מאכן א שהכל, וויבאלד די עיקר

יד. זה לשון הרמב"ם (פ"ח מהל' ברכות ה"ד): "ירקות שדרכן להשלק, שלקן מברך על מי שלק שלהן בורא פרי האדמה "והוא ששלקן לשתות מימיהן".

טו. זה לשון המרדכי (ברכות אות קכה): "ודווקא ירקות שהמשקה שיוצא ממנו עיקרו לטבול בו קאי משום מאכל כמקודם דהא אמרינן וכו' הבא לאוכל כאוכל דמי, אבל מי תותים וכו' שעומדים אחר סחיטתם לשתיה מברך שהכל נהיה בדברו וכו'". והגדר בזה הוא לכאורה אם אוכלים בכף הוה כמאכל.

איז די סקוואַ"ש נישט די וואַסער, און היות די סקוואַ"ש איז געוואָרן צומאַלן, מאַכט מען נאָר אַ שהכל.

### צוויבל זופּ

אויף אַ צוויבל זופּ מאַכט מען אַ בורא פרי האדמה אפילו מען עסט נאָר די וואַסער אַליינס [כאַטשיג וואָס אויף צוויבל אַליינס מאַכט מען אַ שהכל, סיי ווען מען עסט עס רויערהייט און סיי ווען מען עסט עס געקאָכט, וויבאַלד די סדר איז נישט צו עסן צוויבל אַליינס, אָבער צוויבל זופּ וואָס עס איז זייער גוט און מען עסט דאָס אַליינס, מאַכט מען יאָ אַ בורא פרי האדמה][טז].

### באָרשט

ווען מען קאָכט אויף צוויקל און מען מאַכט באָרשט, איז די הלכה אַז אויב מען דאַרף נאָר די באָרשט און מען וואַרפט אַוועק די צוויקל, מאַכט מען אַ שהכל [וויבאַלד עס פעלט די תנאי פונעם ראַ"ש].

אַזוי אויך פאַרקערט, אויב מען קאָכט בעיקר די צוויקל ווייל מען וויל מאַכן אַ סאַלאַט פון דעם אָדער חריין, און מען דאַרף נישט די באָרשט, קען מען אויך נישט מאַכן אויף די באָרשט קיין בורא פרי האדמה [וויבאַלד עס פעלט די תנאי פונעם רמב"ם].

אָבער אויב מען וויל עסן ביידע, סיי די צוויקל און סיי די באָרשט [אַזוי ווי עס איז שכיח פסח], איז די הלכה אַז מען דאַרף מאַכן אַ בורא פרי האדמה אפילו אויף מען עסט נאָר די באָרשט אַליינס, [צום ביישפּיל מיט קאַרטאָפל וכדומה][יז].

[אָבער אויב מען טרינקט די באָרשט ווי אַ געטראַנק מאַכט מען יאָ אַ שהכל, אפילו מען דאַרף די צוויקל[יח]].

### מרק ירקות בשרי

די הלכה אַז וועטשטעב"ל זופּ מאַכט מען אויף די וואַסער אַליינס אַ בורא פרי האדמה, דאָס איז נאָר ביי די וואַסער פון אַ געוועהנליכע וועטשטעב"ל זופּ, אָבער אויב מען האָט געקאָכט אין דעם אויך פלייש, דאַרף מען יאָ מאַכן אויף די וואַסער אַ שהכל[יט], וויבאַלד די פלייש גיבט אַריין אַ שטאַרקערע טעם אין די זופּ מער ווי די ירקות, אין דעריבער ווערט די זופּ אַ שהכל אַזוי ווי די פלייש[כ].

דאָס איז אָבער נאָר ווען מען עסט די 'וואַסער' פון די זופּ אַליינס, אָבער ווען מען עסט די זופּ צוזאַמען מיט די וועטשטעבעל"ס קומט אויס אַז אין דער זופּ איז דאָ צוויי באַזונדערע ברכות, ווייל די וועטשטעבעל"ס איז אַ בורא פרי האדמה, און די וואַסער איז אַ שהכל, וויבאַלד עס איז געקאָכט געוואָרן מיט פלייש.

איז די הלכה ביי דעם ווי פאָלגענד; אויב עס איז ממש אַ געהעריגע געקאָכטע וועטשטעב"ל זופּ, זאָגן די פוסקים[כא] אַז די עיקר איז די ירקות, און די וואַסער איז אַ טפל, און דעריבער זאָל מען מאַכן נאָר אַ בורא פרי האדמה, און די וואַסער ווערט גע'פּטר'ט, און מען קען נישט מאַכן אַן עקסטערע שהכל אויף די וואַסער [אויסער אויב די זופּ האָט ממש שטיקער פלייש קען מען אַרויסנעמען אַ שטיקל פלייש און מאַכן אויף דעם אַ שהכל]. אויב די זופּ האָט ווייניג ירקות, איז די עיקר די וואַסער פונעם זופּ און די ירקות איז אַ טפל, און מען מאַכט שהכל.

דאָס איז נאָר ביי די געוועהנליכע וועטשטעב"ל זופּן, אָבער זופּ וואָס מען מאַכט מיט גרויסע שטיקער וועטשטעבל"ס [אַזוי ווי די שבת'דיגע זופּן וואָס האָט אין זיך ירקות, פלייש און וואַסער], און מען עסט אין איין טעלער די זופּ און די ירקות, ביי דעם זאָגט מען נישט אַז די וואַסער ווערט אַ טפל צו די שטיקער וועטשטעבעל"ס, וויבאַלד די ירקות שטייען אָפּגעטיילט פאַר זיך אַליינס און עס איז נישט קיין תערובות, דעמאָלטס קען מען מאַכן אַן עקסטערע ברכה בפה"א אויף די ירקות און אַ שהכל אויף די וואַסער[כב].

### מרק של שעורים

זופּ וואָס האָט אין זיך מזונות, אַזוי ווי זופּ מיט גערשטן [Barley זופּ] ווערט די גאַנצע זופּ אַ בורא מיני מזונות, ווייל פונקט ווי זופּ וואָס מען קאָכט מיט ירקות ווערט די זופּ אַ בורא פרי האדמה, די זעלבע איז ביי זופּ וואָס מען קאָכט מיט אַ מזונות ווערט די וואַסער פון די זופּ אַליינס, בורא מיני מזונות[כג]. [זעה ווייטער די דין

---

טז. ולפי הנ"ל ג"כ מובן למה אין מברכים על קאווע וטיי בורא פרי האדמה, הגם שהם מים שבישלו בהם הירקות גרעיני הקאווע או עלי הטיי. דלהרא"ש ברכתו שהכל - כיון שזורקים הגרעינים והעלים, וגם להמרדכי ברכתו שהכל - כיון שאין דרך לאכלו אלא לשתותו, ולכן מברכין שהכל.

יז. כ"מ בט"ז סי' רה (סק"ה) ובפמ"ג שם, וכ"כ במ"ב (סק"ח) ובשע"ת (אות ה').

יח. כמו שכתב המרדכי דאם עומד לשתיה מברך שהכל.

יט. זה לשון המחבר (שם): "והני מילי כשבישלם בלא בשר, אבל אם בשלם עם בשר מברך עליו שהכל".

כ. והיינו אפילו אם דעתו להשליך הבשר אחר בישולו ואפילו בישל בו רק עצמות של בשר ג"כ מברך שהכל, כי טעם הבשר חשוב עיקר יותר מהירקות.

כא. כ"כ המ"ב בסימן רה (סק"ג). וע"ע במג"א סי' קס"ח (סק"ל).

כב. כן מבואר בפוסקים דבחתיכות גדולות עם מרק אין הולכין אחר הרוב וכ"כ בשבילי דוד חוץ אם הוא טפל ואין הירק בא רק להטעים הזופּ אז נעשה טפל ואין מברך עליו.

כג. ויש בזה ב' סברות שיברך בורא מיני מזוונת; הן מפני הדין דמי שלקות כשלקות, והן מפני הדין דכל שיש בו חמשת מינים מברך עליו בורא מיני מזונות.
והגם שלמדנו ששתיתא רכה שהכל נהיה בדברו, דדבר שראוי לשתותו אין מברכין עליו בורא מיני מזונות, התם מיירי כשגוף המזונות ראוי לשתיה, מה שאין כן כשהדגן הוי בגדר מאכל, מברך

פון זופ מיט לאקשן און קניידלעך].

אבער דער מגן אברהם זאגט, אז א זופ וואס האט אין זיך נאר 'ווייניג' גערשטן, ביי דעם איז א ספק אויב די גאנצע זופ ווערט א בורא מיני מזונות. דעריבער זאגט דער מגן אברהם אז מען דארף מאכן צוויי ברכות סיי א שהכל און סיי א מזונות[כד]. מען דארף אבער קודם מאכן די 'שהכל' אויף די וואסער, און נאר נאכדעם זאל מען מאכן 'מזונות' אויף די גערשטן, [ווייל דאס איז זיכער אז די גערשטן ווערט נישט א טפל צו די זופ און מען דארף זיכער מאכן א מזונות, די ספק איז נאר אויב די וואסער ווערט א מזונות אדער א שהכל, און דעריבער קען מען נישט מאכן קודם א מזונות אויף די גערשטן און נאכדעם א שהכל אויף די וואסער, ווייל עס קען זיין אז די וואסער איז אויך א מזונות אין עס איז שוין גע'פטר'ט געווארן מיט די מזונות, דעריבער זאל מען קודם מאכן א שהכל אויף די וואסער און נאכדעם זאל מען מאכן א מזונות אויף די גערשטן [אדער קען מען מאכן קודם די מזונות און נאכדעם מאכן א שהכל אויף אן אנדערע מאכל וואס איז זיכער א שהכל][כה].

[באמת איז זייער שווער אויף דאס וואס דער מגן אברהם זאגט אז א זופ וואס האט נאר אביסל גערשטן איז א ספק, וויבאלד מיר ווייסן די כלל אז כל שיש בו חמשת המינים מאכט מען אייביג א בורא מיני מזונות אפילו עס איז זייער ווייניג.

מרן הקרן לדוד זי"ע איז מסביר אז דער מגן אברהם רעדט טאקע נאר ביי א זופ וואס עס ווערט נישט ממש פאראייניגט מיט די גערשטן נאר עס איז אפגעטיילט אין די זופ, און עס איז אויך גאר ווייניג גערשטן, ביי דעם איז דער מגן אברהם מסופק אז אפשר ווערט נישט די גאנצע א מזונות, אבער א מאכל וואס די מזונות ווערט מער פאראייניגט מיט די מזונות איז זיכער נאר א מזונות[כו].

אין דעריבער איז די הלכה אויף עפל קעיק, טשיז קעי"ק, איבערגעצויגענע פלייש וכדומה, אז מען דארף נאר מאכן א מזונות אפילו אויב עס איז זייער ווייניג מעהל, וויבאלד די מזונות ווערט ממש פאראייניגט מיט די עפל, קעז, פלייש וכדומה].

און אזוי אויך איז די ספק פונעם מגן אברהם נאר ביי א זופ וואס האט אין זיך נאר ווייניג גערשטן, און ביי דעם דארף מען מאכן צוויי ברכות ווי פריער דערמאנט.

## טשאלענט עם שעורים

ביי טשאלענט איז די הלכה, אז אויב עס איז ממש געדעכט און פארקלעבט, דעמאלטס הייסט דאס פאראייניגט, און מען קען מאכן א בורא מיני מזונות אפילו אויב עס איז דא ווייניג גערשטן, אבער אויב עס איז מער א רינדיגע טשאלענט, ווענדט זיך אויב עס האט אסאך גערשטן איז עס א מזונות און ביי ווייניג גערשטן איז א ספק און מען דארף מאכןביידע ברכות [כנ"ל קודם שהכל, ואח"כ מזונות].

און ביי די אלע זאכן אויב איז מען מסופק צו עס איז גענוג גערשטן וכדומה, קען מען מספק מאכן קודם א שהכל אויף די וואסער און נאכדעם א מזונות אויף די גערשטן.

די זעלבע דין איז ביי א וועטשטעבעל זופ וואס האט אין זיך אויך 'אביסל' גערשטן, איז ווייטער די זעלבע ספק אויב מען דארף מאכן אויף די וואסער א בורא פרי האדמה אדער א מזונות. אין דעריבער זאל מען מאכן קודם א בורא פרי האדמה אויף די וואסער, און דערנאך א מזונות אויף די גערשטן[כז].

## זופ עם 'נאקעלעך' או 'קניידלעך'

זופ מיט נאקעלעך איז זיכער די גאנצע זופ נאר א מזונות, וויבאלד עס איז אסאך מזונות, און די זעלבע

---

גם על המרק בורא מיני מזונות, כמבואר במגן אברהם סימן רה (סק"ו).

**כד.** ראה מגן אברהם (סי' רה סק"ו): "מיהו לפעמים עושין לזופ"א עם מעט קמח ונותנין בתוכו מעט לביבות, אם כן עיקר לאכול הזופ"א ואינו טפל להלביבות, אם כן ראוי לברך על המים ואחר כך על הלביבות, וכמ"ש בסי' רח ס"ד".

**כה.** כן כתב במחצית השקל (סי' רה סק"ו) לבאר דברי המגן אברהם שכתב לברך קודם על המים ואח"כ על הלביבות, דלכאורה איפכא הול"ל דהא צריך להקדים מין ז' כמבואר בסי' ריא. וז"ל: "ראוי לברך על המים תחלה ואח"כ על הלביבות. דאפילו תימא דהמים עיקר, מכל מקום הלביבות שהן מחמשה מינים לא נתבטלו אגב המים ... ואי יברך תחלה על הלביבות בורא מיני מזונות ואח"כ על המים שהכל - כדינו להקדים ברכת בורא מיני מזונות לברכת שהכל - ... יהיה אחר כך ספק אי נפטרו המים, לכן יברך תחלה על המים שהכל, דאפילו המים טפלים מכל מקום כששותהו קודם העיקר ומברך תחלה על הטפל שהכל, וכמ"ש רמ"א בהגה"ה סי' ריב ס"א".

**כו.** ראה שו"ת קרן לדוד (או"ח סי' נד) על דבר השאלה האיך להתנהג כשאוכלין תבשיל שקורין "טשיפקליך" עם "באנדלעך" דיש בו ג' מינים דהיינו מעשה קדירה העשוי מקמח שברכתו בורא מיני מזונות, והקטניות בורא פרי האדמה, והרוטב שהכל, אם יש לברך על כל אחד ואחד בפני עצמו או סגי בברכה אחת כדין עיקר וטפל. ומאריך שם בדברי הגמרא והפוסקים וכתב שם: "אולם אף דקימ"ל דמין ז' הוא העיקר היינו היכא שמצד כוונתו אין א' עיקר יותר מחבירו, בזה אזלינן בשאר מינים בתר הרוב ובמין ז' אזלינן בתרי' אפילו הוא המיעוט, אבל היכא דמחשבתו ניכרת שאצלו העיקר הוא המין האחר, כגון שהמין ז' הוא רק מיעוטא דמיעוטא, ואינו חד עם המין האחר אלא עומד בפני עצמו, בכה"ג כתב המג"א בסי' רה סק"ו ובסי' רח סק"ז דנהי דמין ז' לא נחשב טפל, מ"מ כיון שאצלו העיקר הוא המין האחר, לא מסתבר שיהא בטל לגבי המין ז', ולפיכך כתב המג"א בסי' רה סק"ו וכו', עיי"ש".

**כז.** ומזה מיירי מרן הקרן לדוד וכתב: "ומעתה בנידון דידן לא ברירא דצריך לברך גם על הקטניות, על כן כדי להוציא עצמו מספק, גם כאן יש לברך מקודם על הקטניות ואחר כך על הלביבות, וכו' ובזה מוציא עצמו מדי ספק. אם לא שהמין הדגן הוא הרבה, באופן שאין הקטניות עיקר האכילה אלא שניהם, דאז אין צריך לברך אלא על מין דגן".

ביי זופ וואס מ'קאכט אין דעם קניידלעך וכדומה איז זיכער די גאנצע זאך א מזונות.

אויב מען האט אבער נישט געקאכט די קניידלעך און די לאקשן צוזאמען מיט די זופ, נאר מען האט דאס שפעטער צוגעלייגט, איז א מחלוקת אויב מען קען מאכן נאר א מזונות, וויבאלד עס זענען דא וואס האלט אז די דין פון כל שיש בו מחמשת מינים אז די גאנצע ווערט א בורא מיני מזונות איז נאר אויב עס איז געקאכט געווארן צוזאמען.

למעשה זענען דא וואס פארלאזן זיך צו מאכן נאר א מזונות, אבער לכתחילה זאל מען מאכן צוויי ברכות. אבער מען קען נישט מאכן קודם מזונות און נאכדעם שהכל [ווי שוין פריער דערמאנט], נאר מען זאל אדער מאכן קודם א שהכל אויף די וואסער, און נאר נאכדעם זאל מען מאכן מזונות אויף די לאקשן, אדער קען מען מאכן א מזונות אויף די לאקשן און מאכן א שהכל אויף עפעס אנדערש[כח].

## תמצית הדברים - ברכה על מרק

**צוויבל [Onion] זופ** - בורא פרי האדמה.

**בארשט** - איז געוועגליך א שהכל [חוץ אויב מען עסט אויך די צוויקל, און די בארשט ווערט געגעסן מיט א לעפל, נישט ווי א געטראנק].

**וועטשטעבל זופ** - בורא פרי האדמה.

**פליישיגע וועטשטעבל זופ** - שהכל. אויב מען עסט דאס מיט די וועטשטעבלס מאכט מען אויף דעם נאר א בורא פרי האדמה וויבאלד די וואסער איז א טפל צו די וועטשטעבעלס.

**צומאלענע זופ** - שהכל.

**געדעכטע גערשטן [Barley] זופ, נאקעלעך זופ** - בורא מיני מזונות.

**א זופ וואס האט ווייניג מזונות** - איז א ספק ברכה, מען דארף מאכן צוויי ברכות, 'קודם שהכל' אויף די זופ, און נאכדעם א בורא מיני מזונות.

---

כח. וכמו שנתבאר לעיל הערה כ"ה.

## המשך פרפראות וסיפורים

קודם די גמרא, נאכדעם רעדט די גמרא פון איינער וואס מאכט בעצם יא ברכות, ער רעדט זיך איין אז ער קען מאכן ברכות, אבער באמת קען ער נישט די הלכות, און ער איז זיך נישט מטריח צו קענען די הלכות, און דאס מיינט די גמרא 'ואומר אין פשע' ער רעדט זיך איין אז עס איז נישט קיין עבירה, ער מאכט דאך בעצם הויעכע ברכות... אבער באמת איז דאס א פשע גדול און ער הייסט ווי א מזיד, וויבאלד ער וואלט געדארפט לערנען די הלכות, און עס איז א חטא בכפלים, סיי ווייל ער איז נהנה אן א ברכה - ווייל אויב מען מאכט נישט די ריכטיגע ברכה וואס חז"ל האבן מתקן געווען איז דאס ממש ווי ער מאכט בכלל נישט קיין ברכות, און אזוי אויך איז דאס א ברכה לבטלה.

און פון אזא איינעם קען זיין אז מענטשן זאלן זיך חס ושלום אפלערנען, ווייל ער מאכט דאך בעצם ברכות, דעריבער איז אזא איינער א חבר לאיש משחית, ווייל ער איז מכשיל אז אנדערע זאלן זיך אפלערנען פון אים.

באמת איז דא זייער אסאך שווערע הלכות אין הלכות ברכות, און עס איז מן הסתם די הלכות וואס איז די מערסטע נוגע פאר מענטשן, מען טרעפט זיך אן מיט די הלכות ממש טאג טעגליך, הלכות תפילה וכדומה מאכט זיך ווייניגער שאלות, אבער עסן איז די מקצוע וואס מאכט זיך באמת די מערסטע שאלות, און מען ווייסט אפילו נישט וואס איז א שאלה און מען פסקנ'ט זיך אליינס. ממילא זאגט ער דארט 'חיוב על כל אדם שילך אצל בקי שילמדנו הלכות ברכות', און אז מען איז בקי און הלכות ברכות ווייסט מען וואס איז בכלל א שאלה.

ממילא געבט דאס א חיזוק אייביג איבערצולערנען די הלכות פון ברכות און עס חזר'ן, עס איז זייער א נוצבארע מקצוע.

די גמ' זאגט (ברכות נ.) 'מברכותיו של אדם ניכר שהיא תלמיד חכם' אז מען זעט א איד מאכט א ברכה ווי עס דארף צו זיין, ער זאגט נישט ארויס א ברכה פאר ער ווייסט נישט וואס די ברכה איז דאס א סימן אויף יר"ש.

## ניתן לשמוע

שיעורי הלכה ומנהג במסגרת 'כולל יום ראשון'

ע"י הרה"צ מורינו הרב שליט"א **על קו 'מערכת קהלת יעקב'** מספר 2>1>4

(השיעור של גליון זו ניתן לשמוע על מספר 63)

יוצא לאור על ידי:

התאחדות אברכים